

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## מצורע

# א כהן פסח ביינאכט

### פרנס השבוע

לכבוד הילד החשוב יניק וחכים
כמר **אהרן יודא שלעזינגער** ני"ו
מיט ליבשאפט,
פון דיין טאטע

## פרשת מצורע

# א כהן פסח ביינאכט

צבי מינצבערג שטייט מיט זיין מאמע אין די רייע אין גראסערי ביים רעדזשיסטער. פון א זייטיגע בליק באטראכט ער ווי די קאסטומערס שטייען ביי די פאליצעס פון די מצות און קלויבן זיך וועלכע מצות צו קויפן פאר זייער סדר נאכט.

׳איך פארשטיי נישט פארוואס מענטשן מאכן א גאנצע עסק פון מצות,׳ טראכט צבי צו זיך, ׳אקעי, איך קען פארשטיין אז ס׳איז א גרויסע מצוה און ס׳האט אפילו א גוטע טעם אבער ס׳קאסט אזויפיל געלט! איך האב נעכטן זיך אונטערגעהערט ווי טאטי זאגט פאר מאמי אז דאס יאר וועט ער מוזן אננעמען נאך א זייטיגע ארבעט צו קענען באצאלן די קאסטן פון די מצות. דרייסיג דאלער פאר א קליינע באקס מצות?! איך מיין אז ס׳איז נישט נארמאל. דרייסיג דאלער פאר אפאר רינדעכיגע קרעקערס?

און ס׳איז נישט נאר די געלט נאר דער גאנצער מצב וואס מען מאכט ארום דעם. ביים סדר נאכט זיצט יעדער ארום דעם טיש און מען עסט די מצות מיט אלע לשם יחוד׳ס און מנהגים ארום דעם. צו וואס פעלט דאס אויס? ס׳דא גענוג אנדערע מצוות וואס מען מאכט נישט אזא גרויסע עסק דערפון.

״צבי,״ האט די מאמע אים אויפגעוועקט פון זיינע דמיונות, ״איך האב שוין געענדיגט באצאלן. קום וועסטו מיר העלפן שלעפן די זאכן צום קאר. איך וויל זיין אינדערהיים אכט אזייגער אז דו זאלסט קענען גיין שלאפן באצייטענס, מארגן איז די לעצטע טאג פון חדר פאר יום טוב און איך וויל מאכן זיכער אז דו ביסט גוט אויסגערוהט.״

## אין חדר

**רבי שפירא:**

א גוט מארגן טייערע קינדער, בעזר השי״ת וועלן מיר ענדיגן די לעצטע שיעור מיט א דבר תורה וואס וועט ענק צוגרייטן צום יום טוב פסח.

איך שטעל זיך פאר אז אפאר קינדער זענען געגאנגען איינקויפן מיט זייער עלטערן און באמערקט די הויכע פרייזן פון די מצות. פאר קיינעם זאל זיך נישט דאכטן אז די פרייז איז אזוי געשטיגן נאר צוליב די קאראנע ווירוס. ווען איך בין געווען א קליין אינגל און עס איז נישט געווען די קאראנע ווירוס האבן די מצות אויך

געקאסט א וועלט מיט געלט! מצות זענען אייביג געווען זייער טייער. און פרשת צו קענען מיר טרעפן א רמז פארוואס דער אויבערשטער האט געמאכט אז עס זאל זיין אזוי.

אין פרשת צו טרעפן מיר אז אין די צייטן פון בית המקדש ווען די כהנים פלעגן עסן פון דעם קרבן מנחה (א קרבן וואס איז געמאכט געווארן פון מעל), האבן זיי עס שטענדיג געדארפט באקן פאר מצות.

ווער געדענקט נאך ווען מיר זענען געגאנגען באזוכן די מצה בעקעריי? ענק האבן געזען ווי יעדער לויפט ארום פארסאפעט, מען ארבעט די שנעלסטע וואס מען קען צו מאכן זיכער אז די מצות ווערן געבאקן און ווייניגער ווי אכצן מינוט. דאס איז א קליינע ביישפיל וואס די כהנים האבן געטון א גאנץ יאר אין בית המקדש. די כהנים האבן געדארפט אכטונג געבן אז די קרבן מנחה זאל זיין מצה און נישט חמץ.

מצה איז פארעכנט געווארן פאר א חשוב'ע מאכל פאר די כהנים. דאס איז איינע פון די סודות פארוואס מיר עסן מצה. אוודאי זענען דא פיל טעמים פארוואס מיר עסן מצה אום פסח. פארדעם זאגן מיר אין די הגדה אז מצה איז "לחם שעונין עליו דברים הרבה," דאס מיינט אז ס'איז דא א סך ענינים ווען עס קומט צו רעדן פון די מצות וואס מיר עסן. אבער איין זאך וואס די סדרה דערמאנט אונז איז אז מצה איז א ספעציעלע קעניגליכע עסן פאר די כהנים.



אבער רבי," האט צבי געפרעגט, "אויב מצה איז טאקע חשוב פאר די כהנים פארוואס דארפן מיר עס עסן? מיר זענען נישט כהנים."

"זייער גוט געפרעגט, צבי. פסח ביינאכט איז א מצוה זיך פארצושטעלן אז מיר זענען כהנים."

"אבער רבי, סאיז נישט פורים - ס'איז פסח! פארוואס מאכן מיר זיך זיך ווי כהנים?"

"דאס איז טאקע דער ענין, מיר מאכן זיך נישט ווי גלייך מיר זענען כהנים, מיר זענען טאקע כהנים! דער אויבערשטער האט אונז נישט ארויסגענומען פון מצרים נאר צו זיין פרייע מענטשן. ער האט אונז נישט באפרייט נאר צוליב דעם וואס ער האט רחמנות געהאט אויף אונז. די סיבה פארוואס ער האט אונז ארויסגעצויגן פון מצרים איז אז מיר זאלן זיין זיינע קנעכט. אנשטאט צו דינען דער קליינטשיגער פרעה זענען מיר געווארן די קנעכט פון דער גרויסער, מעכטיגער קעניג פון אלע קעניגן, דער באשעפער איבער אלע וועלטן!

דאס איז וואס השי"ת האט אונז געזאגט ביים בארג סיני, "יעצט זענען ענק מיינע אידן. פון היינט מאל אן וועלן ענק זיין א ממלכת כהנים, א פאלק פון הערן." דער אויבערשטער האט אונז געזאגט אז פונקט אזוי ווי די כהנים האבן זייער עבודה אין דעם בית המקדש אזוי האבן ענק די זעלבע ארבעט אין ענקער אייגענע הויז צו טון די זעלבע עבודה. מיר זענען אויך כהנים צו דינען דעם אויבערשטן א גאנצן טאג. אפשר שחט'ן מיר טאקע נישט קיין בהמות צו לייגן אויפן מזבח, מיר צינדן נישט אן די גאלדענע מנורה און מיר באקן נישט די לחם הפנים אבער מיר זענען נאך אלץ די ממלכת השם; מיר זענען קנעכט פונעם אויבערשטן!

מיר דינען דעם אויבערשטן אן קיין אפשטעל! א גאנצן טאג זענען מיר פארנומען מיט ברכות, תפילין, מצוות, חסד, טראכטן פון דער אויבערשטער, קאכן און רוימען לכבוד יום טוב. אלעס איז פאר השי"ת ווייל דאס איז אונזער ארבעט אויפ'ן גאנצן לעבן - צו זיין כהנים צו השי"ת. און פסח זענען מיר זיך מחזק צו זיין כהנים דורך עסן די מצות פונקט ווי די כהנים האבן געטון אין דער בית המקדש!"

**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3**